# פרשת תזריע כ"ד אדר ב' - א' ניסן תשפ"ב לפ"ק

***יום ראשון פרשת תזריע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **יואל צבי** נ"ו בן הר"ר **משה פריימאן** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בן הר"ר **יוסף לעפקאוויטש** הי"ו, שנערכה על ידי הנהלת המוסדות בוומסב"ג, והתקיימה בבית המדרש טארניגראד, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער גערעדט פון א פסוק אין די מגילה, איך וועל זיך אויך שטעלן אויף דעם וואס איך האב אינזין געהאט, בשעת מען האט געליינט די מגילה, וואס האט אויך א שייכות אהער. עס איז געווען א דיון צווישן מרדכי און אסתר. מרדכי האט געהייסן אז אסתר זאל אריינגיין צום מלך, און אסתר האט זיך געדינגען, אז עס איז א סכנה אריינצוגיין צום מלך. און מרדכי האט ארויפגעצווינגן אויף איר, און ער האט געזאגט, אם החרש תחרישי בעת כזאת, רווח והצלה יעמוד ליהודים ממקום אחר, ואת ובית אביך תאבדו, ער האט ארויפגעצווינגן אז זי זאל אריינגיין צום מלך. און אזוי האט זי געטוהן, זי האט געפאלגט, און זי האט געזאגט, לך כנוס את כל היהודים וצומו עלי וגו' ובכן אבוא אל המלך אשר לא כדת. און דער פסוק זאגט, אז ווען זי איז אריינגעקומען צום מלך, ויהי כראות המלך את אסתר המלכה עומדת בחצר, נשאה חן בעיניו (אסתר ד-יד), און די מגילה פארציילט ווייטער וואס איז געווען. און מען דארף פארשטיין, וואס מרדכי האט געוואלט, האט דאך אסתר אויך געוואלט. מען האט געוואוסט אז עס איז א סכנה, און מען דארף האבען א הצלה. וואס איז דא געווען דער דיון צווישן זיי.

**און** דער אמת איז, אז דער מהלך פון מרדכי איז א גרויסער פלא. די זאך איז געווען ערב פסח. וצומו עלי איז געווען, אז מען האט מבטל געווען אלע מצוות פונעם יום טוב, מען האט אוועקגענומען דעם פסח. דעם צווייטן טאג פסח, איז געווען סעודת אסתר. און אז אסתר זאל אריינגיין צום מלך איז סכנת נפשות. ווען איינער קומט אריין אן רשות פונעם מלך, איז אחת דתו להמית. די גזירה איז אויף א יאר ארום, י"ג אדר. מען שטייט ניסן, עס איז דא נאך צוועלף חדשים. איז דען נישט דא גענוג צייט, אז מען זאל קענען במשך פונעם יאר מסדר זיין, מיט פראטעקציע וכדומה, זוכען וועגן ווי אזוי מען קען אנקומען צום מלך. עס וועט דאך זיין א טאג וואס דער מלך וועט איר רופן, וועט זי דעמאלטס זאגן וואס זי דארף זאגן. פארוואס דארף עס זיין יעצט תיכף. און אסתר האט גע'טענה'ט, אז זי האט נישט קיין רעכט צו גיין צום מלך יעצט, עס איז סכנת נפשות אריינצוגיין יעצט צום מלך. ווייל נעכטן איז געווען א גזירה, דארף מען צוויי טאג שפעטער, זיך אריינלייגן אין א סכנה, כדי צו גיין צום מלך. מען טאר נישט. איי מען דארף מציל זיין יודען, די גזירה איז נאך נישט יעצט, די גזירה איז אויף א יאר ארום, און ביז א יאר וועט מען אנקומען.

**מרדכי** האט נישט אזוי געהאלטן, מרדכי האט געהאלטן, אז מען קען נישט אויסווארטן מיט די גזירה אויף שפעטער, מען דארף תיכף אריינגיין. טאמער וועסטו נישט גיין, את ובית אביך תאבדו. און אסתר האט זיך אונטערגעווארפן אונטער מרדכי. זי האט געוואוסט אז עס איז ממש סכנת נפשות, זי האט נישט פארשטאנען פארוואס מען דארף יעצט תיכף גיין צום מלך, מען האט דאך צייט צו ווארטן ביז א יאר. אבער אז מרדכי האט געזאגט אז מען דארף גיין, האט זי געפאלגט, און זי איז אריינגעגאנגען צום מלך.

**מרדכי** איז געווען א נביא, און אסתר איז געווען א נביאה. אסתר איז נישט געווען ווייניגער א נביאה ווי מרדכי. זי מיט איר נביאות האט פארשטאנען אז מען דארף נישט גיין, און מרדכי דער נביא האט פארשטאנען אז מען דארף יא גיין, און זי האט זיך אונטערגעגעבן. דאס וואס זי האט זיך אונטערגעווארפן, האט געהאט א געוואלדיגען חשיבות אין די אויגן פונעם אייבערשטען, אז אפילו זי האט געהאלטן על פי דין, אז מען דארף נישט צו גיין, פון דעסטוועגן דאך האט זי זיך אונטערגעווארפן אונטער מרדכי. אז מרדכי זאגט אז מען דארף גיין, קוקט מען אויף גארנישט, און מען גייט אריין מיט מסירת נפש. און דאס האט געברענגט די ישועה אויף שפעטער. מען האט זיך נישט גערינגען בעצם, צו

דארף מען א הצלה פאר יודען. נאר צו מען דארף דאס טון תיכף, צו מען האט צייט צו ווארטן אויף שפעטער. און אסתר האט זיך אונטערגעווארפן אונטער מרדכי.

**ויהי** כראות המלך, 'מלך' איז דאך דער מלך מלכי המלכים הקדוש ברוך הוא, אז אסתר איז עומדת בחצר. אפילו עס איז דאך סכנת נפשות אריינצוגיין צום מלך, און מען קען דאך ווארטן אויף שפעטער אויך, וואס טוט זי דא בחצר. ווען דער מלך מלכי המלכים האט געזעהן אז עומדת בחצר, זי שטייט דארט, איז טייטש אז אסתר האט מבטל געווען איר דעת, זי האט זיך אונטערגעווארפן אונטער מרדכי. נשאה חן בעיניו, די נקודה אז זי האט געפאלגט, און זי איז עומדת בחצר, מיט דעם האט זי נושא חן געווען אין די אויגן פונעם אייבערשטען. דער באשעפער האט תיכף פון איין מינוט אויף די אנדערע מינוט געטוישט, און א טאג צוויי שפעטער איז המן שוין נישט געווען דא. דאס האב איך געטראכט בשעת מען האט געליינט די מגילה.

**און** איך מיין אז עס איז פאסיג דא אויך, ביי די שמחה פון ר' יוסף זאל זיין געזונט, וואס שטייט גרייט, ווען מען פארלאנגט עפעס, איז ער דארט צו העלפן. עס קען זיין אז נישט אייביג פארשטייט ער וואס מען בעט פון אים, און אמאל פארשטייט ער אנדערש, און פון דעסטוועגן דאך מאכט ער נישט קיין חשבונות. ווען מען פארלאנגט, איז ער דארט. און די זעלבע די אלע מסובין דא, וואס געבן אוועק פון זייער געלט, און פון זייער צייט, רובם ככולם זענען דא עוסקים בצרכי ציבור באמונה, אדער זענען זיי אליין עוסק בגופם, אדער בממונם, טוען זיי צוהעלפן אז תורה זאל קענען ווייטער בליען. וואס מען טוט, טוט מען נישט פאר זיך, מען טוט עס לכבוד שמים, דאס איז אונזער פליכט אויף דעם עולם. יעדער איינער האט זיין תפקיד וואס ער קען טון, דער אייבערשטער האט אים געהאלפן, ער האט א געלעגנהייט, ער האט א וועג, ווי אזוי ער קען טון לתורתו ועבודתו יתברך שמו, איז דאס זיין פליכט. נישט אייביג פארשטייט מען, און מען מוז נישט אייביג פארשטיין. ווען אסתר וואלט געווארט, וואלט אפשר נישט געווען די ישועה. אבער זי האט זיך אונטערגעווארפן, מרדכי האט געזאגט אז מען קען נישט ווארטן צוויי טאג, און מען דארף יעצט אריינגיין צום מלך, האט זי געפאלגט. און מיט דעם איז נשאה חן בעיניו, דעמאלטס איז דא א נשיאת חן. אפילו זאכן וואס בדרך הטבע וואלט נישט געדארפט אזוי צו זיין, דער אייבערשטער האט כמה דרכים. ער מאכט א נדדה שנת המלך, דער מלך קען נישט שלאפן, און שמשי מוחק און גבריאל כותב (מגילה טז.). המן קומט אריין, קומט א מלאך און ווארפט אים אראפ אויפן בעט. חרבונה איז פונקט דארט, און עס איז צוגעגרייט א עץ פאר אים. זאכן וואס האבן זיך אפגעשפילט שלא כדרך הטבע, דער אייבערשטער האט זיך זיינע וועגן. ווען א מענטש מיינט עס ערליך, און ער טוט פארן אייבערשטען'ס וועגן, באצאלט אים דער אייבערשטער.

**איך** האב א ספעציעלע הכרת הטוב פאר ר' יוסף זאל זיין געזונט, וואס טוט סיי אין קהל, סיי אין תלמוד תורה, מיידל סקול, קעמפ, ישיבה, וואו עס איז נאר דא א זאך וואס מען דארף אז מען זאל צושטעלן א האנט, איז ער דארט, בגופו ובנפשו, אוועקצוגעבן זיך טאג און נאכט אז די מוסדות זאלן בליען. און ב"ה זייט ער האט אריינגעטרעטן צו העלפן, זעט מען ברוך ה' די פירות דערפון. און אלע זענען מיר שותפים דערין, אלע האבן מיר דעם זכות וואס דער אייבערשטער האט אונז געגעבן, אונז קען מיר בויען תורה. דורות שפעטער וואס מען דארף אויפשטעלן לה' ולתורתו, אין דעם געזינקענעם אמעריקא, מען זאל קענען היינט נאך זיצן און לערנען תורה מיט קינדער, אזוי ווי עס איז געווען מיט יארן צוריק, אן קיין שום שינויים וכדומה. און מען זאל קענען ערציען קינדער, מיידלעך, בחורים, מען זאל קענען אויפשטעלן שיינע יודישע שטובער, איז נישט דא קיין גרעסערע זכות פון דעם. און דער אייבערשטער באצאלט, וואס א מענטש גיט אוועק זיין צייט און זיין געלט פאר אנדערע, ווערט עס צוריקגעצאלט ביי אים אין שטוב נאכדעם. אלע דארפן דאך האבן סייעתא דשמיא, און זכותים, אז מען זאל קענען מגדל זיין ערליכע יודישע דורות. זאל דער אייבערשטער געבן אז רבי יוסף זאל זיין געזונט, זאל קענען ווייטער אויך טון להגדיל תורה ולהאדירה. און אונז אלע זאל מיר זוכה זיין, כמשוש חתן על כלה ישוש עליך אלקיך, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

אחר השבע ברכות עבר **רבינו שליט"א** לבנין החדש של הבית חינוך לבנות דקהלתנו הק', ההולך ונבנה לשם ולתפארת ברחוב נאסטרענ"ד, בליווי הנהלת ונגידי ותומכי המוסדות.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **אשר זאבעל** ע"ה.

אחר מנחה הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בהספר תורה שנכתבה על ידי קהלת נייטרא וומסב"ג לע"נ האב"ד **הגה"צ רבי יצחק מאשקאוויטש זצ"ל**, והתקיימה בבית הר"ר **שאול רובין** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשתתפים.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי בשלחן ערוך (או"ח הל' ברכת הפירות סימן רט"ז סעיף ב') בבית מדרשנו בבארא פארק. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** חלק מהדברי תורה שאמר בסעודה שלישית בשבוע העעל"ט.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**אין** די פרשה פאריגע וואך איז געווען די הסתלקות פון נדב ואביהוא. בשעת מען האט מחנך געווען די משכן, האבן נדב ואביהוא אריינגעברענגט קטורת זרה, און ותצא אש מלפני ה' ותאכל אותם, נדב ואביהוא זענען נסתלק געווארן. און משה רבינו האט געזאגט הוא אשר דבר ה', דער אייבערשטער האט געזאגט בקרובי אקדש, ועל פני כל העם אכבד, עס וועט נתקדש ווערן די בית מיט מיינע קרובים. און ער האט אנגעזאגט פאר אהרן מיט די קינדער, עטץ זאלטס נישט האלטן קיין אבילות יעצט, מען האט דאך מחנך געווען די משכן יעצט, ואחיכם כל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה' (ויקרא י-ו), ענקערע ברודער'ס, וואס זיי טוען נישט די עבודה אין משכן, זיי זאלן באוויינען די שריפה.

**אין** ארץ ישראל איז אוועק **רבי חיים קניבסקי זצ"ל**, א שריפה אשר שרף ה'. ער איז געווען א ריז אין תורה, וואס כמעט לא נראה דוגמתו, נישט אין דעם דור, און נישט אינעם פריערדיגן דור. א יוד זאל קענען כל התורה כולה, מיט אלע פרטים. איך האב געזען שטיין די וואך, אז א קינד האט פארציילט, אז חול המועד פלעגן זיי צו זיצן מיטן פאטער, און זיי האבן גענומען דעם **מכלול המאמרים והפתגמים**, א ספר וואו עס איז צוזאמגענומען אלע מאמרים און פתגמים. און מען האט אים פארגעזאגט די מאמרים, און ער האט אויף יעדן זאך געזאגט דער בלאט וואו עס שטייט. זיי זענען געווען קינדער, און זיי האבן דאס אנגעקוקט אזוי ווי זיי האבן פארהערט דעם טאטן. דאס איז טייטשט א תלמיד חכם, וואס ער ווייסט צו ענטפערן איבעראל, אויף אלעם וואס מען פרעגט.

**דאס** אז ער האט אלעס געקענט, איז נאכנישט קיין חידוש. אבער אז ער האט יעדעס יאר איבערגעחזר'ט כל התורה כולה, דאס איז שוין א חידוש. צו האבן צייט, און אוועקגעבן זיך, צו קענען יעדעס יאר מסיים זיין גאנץ ש"ס, ירושלמי, רמב"ם, ד' חלקי שלחן ערוך, זוהר הק', און מדרשים. כל התורה כולה איז ער איבערגעגאנגען פון ערב פסח, ביז א יאר שפעטער ערב פסח. און דאס איז אין א צייט וואס ער האט די לעצטערע יארן אויפגענומען הונדערטער מענטשן טאג טעגליך, און ער האט געענטפערט אויף וואס מען האט געפרעגט. דער געוואלדיגער התמדת התורה, און דער געוואלדיגער חשקות התורה וואס איז געווען, אז מען זאל דאס קענען באווייזן. דאס איז דער חלק וואס איז נוגע פאר אונז זיך אפצולערנען. עולם הזה האט נישט תופס געווען קיין מקום, גארנישט אויף די וועלט האט אים נישט אינטערעסירט, נאר וואס מען קען נאך עפעס אריינכאפן אין תורה.

**דער** פסוק זאגט, וכל בית ישראל יבכו את השריפה אשר שרף ה', וואס איז דער לשון 'יבכו', זיי זאלן באוויינען. עס איז דאך שוין געשען דער אומגליק. ער וואלט געדארפט זאגן, וכל בית ישראל 'בכו', באוויינטס, השריפה אשר שרף ה'. וואס איז דער וכל בית ישראל 'יבכו', מען זאל באוויינען, את השריפה אשר שרף ה'. מען רעדט נישט פון אן עתיד, מען רעדט פון א הוה, די שריפה האט פאסירט, מען זאל שוין באוויינען השריפה אשר שרף ה'.

**די** וועלט זאגט, אז די גבאים פון א רבי, זענען נישט קיין חסידים. פארוואס? ווייל די וועלט קען זיי נאר אזוי פון אינדרויסן, און אינדרויסן פירט זיך דער מענטש אויף שיין. זיי זענען דאך טאקע ערליכע יודען, זיי פירן זיך ערליך, מען לערנט, מען דאוונט, מען טוט נאר מצות ומעשים טובים. דער אויסקוק

וואס זיי האבן אינדרויסן אויף די גאס, איז באמת אזוי ווי עס פאסט זיך פאר א תלמיד חכם. אבער אסאך מאל אין שטוב, איז מען נישט אין דער מדריגה ווי אזוי מען קוקט אויס אינדרויסן. די גמרא (עירובין סה:) זאגט, אדם ניכר, א מענטש דערקענט מען, בכיסו בכוסו בכעסו. מען דערקענט אים מיט זיין געלט, מען דערקענט אים ווי אזוי ער עסט, און ווי אזוי ער נעמט אויף א זאך. צו ער בייזערט זיך, צו נישט. דאס איז זאכן וואס מענטשן אינדרויסן דערקענען נישט, דאס איז א זאך וואס נאר שטוב מענטשן זעהן. ווען עס קומט צו געלט זאכן, ווי אזוי זיין התנהגות איז. ווי אזוי זיין עסן איז, ווי אזוי ער רעגט זיך ווען עס מאכט זיך א זאך וואס איז נישט אזוי ווי ער וויל. און דארטן פאלט מען אסאך מאל אדורך, מען איז נישט אזוי ווי עס איז. אינדרויסן איז מען קדוש, אבער די וואס קענען די מענטש פון די נאנט, די זענען נישט אזעלכע גרויסע אנהענגערס פון דעם אדם גדול.

**אמאל** איז פארקערט, איינער וואס איז טאקע אויסגעארבעט בכיסו ובכוסו בכעסו, און א יעדע ריר פון אים איז אויסגעארבעט על פי תורה, און אינדרויסן ווייסט מען נישט זיין גרויסקייט. מען איז אים מכבד, מען ווייסט זיין תורה, מען ווייסט זיין ערליכקייט וכדומה, ער איז גרויס מיט אלעם. אבער דער וואס איז נאנט צו אים, דער האלט אסאך מער פון אים, ווי דער וואס איז ווייט פון אים, ווייל ער לעבט דאך מיט טאג טעגליך, און זעהט ווי אזוי ער פירט זיך אויף מיט אלע זיינע שטוב זאכן. דארטן ווערט ער מער נתקדש, ווי א מענטש פון אינדרויסן. עס שטייט אין די מפרשים, אז מען זאגט פארן אייבערשטען, אשרי יושבי ביתך, עוד יהללוך סלה (תהלים פד-ה), וואויל איז די וואס וואוינען אינעם שטוב פון אייבערשטען, זיי זענען נאנט צום אייבערשטן, עוד יהללוך סלה, זיי טוען דיך שטענדיג לויבן. ביי א בשר ודם, זענען די יושבי ביתך אים נישט אזוי שטארק מהלל, ווי דער וואס איז פון אינדרויסן. די וואס זענען אינדרויסן זענען אים מחשיב, אבער די וואס זיצן נאנט צו אים, די זענען אים נישט אזוי מחשיב. ביים אייבערשטען איז פארקערט, ווי נענטער דער צדיק איז צום אייבערשטען, אלס מער און מער דערקענט ער דעם גדלות הבורא, און ער טוט נאך מער לויבן, ווי דער וואס איז אינדרוסן. אשרי יושבי ביתך, די וואס זענען יושבי ביתך, עוד יהללוך סלה, ביי זיי איז דער הילול אסאך אין א העכערע מדריגה. 'עוד', זיי טוען שטענדיג נאך מער און נאכמער לויבן. ביי א בשר ודם זענען די יושבי ביתך וויניגער מהלל ווי די וואס זענען אינדרויסן. אבער ביים אייבערשטען זענען די יושבי ביתך מער מהלל.

**נדב** ואביהוא, זאגט רש"י (ויקרא י-ג), זענען געווען די גרעסטע וואס איז געווען ביים כלל ישראל. דער באשעפער האט זיי אויסגעקליבן בקרובי אקדש. משה רבינו האט געזאגט, איך האב געמיינט אז עס וועט נתקדש ווערן דער בית, אדער מיט משה, אדער מיט אהרן, עכשיו זעה איך, אז זיי זענען גדולים ממך. די גרויסקייט פון נדב ואביהוא האט מען נישט געוואוסט ביז יעצט, מען האט נישט געוואוסט אז נדב ואביהוא זענען אזוי גרויס. עס איז נישט דא קיין איין פלאץ אין די תורה ווי נדב ואביהוא זאלן ארויסשטארן מער פונעם כלל ישראל. עס איז געווען משה ואהרן חור און מרים, די זענען געווען אויף וואס מען האט ארויפגעקוקט ביי יודען. יעצט איז מען געוואר געווארן אז עס איז דא נייע צדיקים, עס איז דא נדב ואביהוא, וואס מען האט זיי נישט געקענט אזוי פון פריער. מען האט געוואוסט אז נדב ואביהוא זענען גרויסע מענטשן, אבער אז זיי זענען אזוי גרויס אז דער אייבערשטער זאל זיי אויסקלויבן בקרובי אקדש, זיי זענען מער ווי משה מיט אהרן, איז יעצט נתגלה געווארן. און מיט דער צייט וועט מען אנהייבן צו הערן וואס דער נדב ואביהוא זענען געווען, און מען וועט נאך מער מקדש זיין נדב ואביהוא פון וואס זיי זענען געווען פון פריער. אויף נדב ואביהוא האט דער אייבערשטער געזאגט, ועל פני כל העם אכבד (ויקרא י-ג). אינדרויסן אויף די גאס, על פני כל העם, יא, זיי זענען מכובדים. אבער בקרובי, די וואס זענען נאנט צו מיר, אקדש, די האבן געוואוסט די קדושה פון נדב ואביהוא.

**קומט** אויס, אז נדב ואביהוא קען מען נאכנישט באוויינען יעצט ווען זיי זענען נסתלק געווארן, ווייל מען האט נאכנישט געוואוסט זייער גרויסקייט וואס זיי זענען, אז מען זאל וויינען דערויף. אבער עס וועט אדורכגיין א צייט, מען וועט אנהייבן צו פארציילן אויף נדב ואביהוא, און מען וועט אנהייבן צו זאגן, דער האט געזען ביי אים דעם גדלות, יענער א צווייטע גדלות, דעמאלטס וועט מען הערשט

באווײנען השריפה אשר שרף ה'. ואחיכם כל בית ישראל 'יבכו' את השריפה, יעצט אז מען באווײנט נדב ואביהוא, מיינט מען נאר דעם נדב ואביהוא וואס אונז קען מיר. מען וועט נאך געוואר ווערן, אז דער נדב ואביהוא זענען נישט די וואס אונז קען מיר. און דעמאלטס וועט זיין יבכו את השריפה אשר שרף ה'.

**דאס** קען מען זאגן אויף רבי חיים זצ"ל. יעדער האט געוואוסט אז ער איז א אדם גדול, אבער וואס עס קומט אלץ ארויס טאג טעגליך, נאך און נאך און נאך, וואס עס ווערט אלץ נתפרסם זיין גדלות, און זיין ערליכקייט, און זיין צדקות. עס איז 'יבכו' את השרפה אשר שרף ה'. אפילו מען פארשטייט נאכנישט יעצט וואס מען האט פארלוירן, אבער ווי מער עס וועט אדורכגיין די צייט, וועט מען אלץ מער געוואר ווערן וואס מען האט פארלוירן. מיתת צדיקים איז דאך מכפרת (מועד קטן כח.), זאל ער זיין א מליץ יושר פארן גאנץ כלל ישראל. - וואס עס איז נוגע פאר אונז איז, זיך אראפצולערנען. פון א יעדען ערליכען יוד דארף מען זיך אראפצולערנען זיין מדה, זיין חשקות התורה, זיין התמדת התורה. פרובירן אוועקצוגעבן יעדע פרייע צייט וואס מען האט, פאר תורה, און גיין אין די דרכים, און דינען דעם אייבערשטער.

*

אחר מעריב הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת הר"ר **משה יאנקאוויטש** ע"ה.

*

***יום שני פרשת תזריע***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך, והתפלל תפלת מנחה.

בשעות הערב הגיע **רבינו שליט"א** לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **אליעזר דוד האפפמאן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **משה ישראל שטראהלי** הי"ו, שהתקיים באולם ויואל משה. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שלישי פרשת תזריע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **אברהם דוד** נ"ו בן הר"ר **אליהו חיים מאסרי** הי"ו. אחר התפלה השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

אחר כך התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הרב **יחזקאל דוד שווארץ** שליט"א.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעור היומי בשלחן ערוך. אחר השיעור השמיע **רבינו שליט"א** דברי הדרכה לימי בין הזמנים הבעל"ט.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** האב געוואלט זאגען אפאר ווערטער פאר בין הזמנים. מען רעדט דאך שוין נישט צו קיין קינדער, מען רעדט צו ערוואקסענע בחורים. בין הזמנים איז נישט קיין צייט פון פיר וואכען וואס עס איז נישט דא קיין ישיבה, און מען איז פטור פון לימוד התורה. די זעלבע מצוה פון לימוד התורה גייט אן גאנץ בין הזמנים. יעדע רגע וואס א יוד האט, איז ער מחוייב אוועקצוגעבן פאר תורה, אלץ די מצוה פון לימוד התורה, און היינט אז מען זיצט נישט אין בית המדרש, איז מען עלול אנצוקומען וואו מען דארף נישט אנקומען. און מען קען אין איין בין הזמנים פארלירן אלעס וואס מען האט זיך קונה געווען נישט נאר א גאנצן ווינטער, נאר אפילו וואס מען האט זיך קונה געווען אין יארן. מען זאל זעהן אויסצונוצען די פרייע צייט, העלפן אין שטוב וואס מען דארף העלפען, צוצוגרייטען צום יום טוב. עס איז דא א געוואלדיגע מצוה אין די טעג, די מצוה פון כיבוד אם. אלע יודענעס פלאגען זיך אריינצוברענגען דעם יום טוב, און וואס מען קען ארויסהעלפן, זיין שטענדיג גרייט, ווען מען בעהט עפעס, נישט זאגען באלד, מארגען, איבערמארגען, מצוה שבא לידך אל תחמיצנה.

**עס** איז מיר היינט אויסגעקומען צו ליינען פון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל**. מען האט לעצטנס ארויסגעגעבן א ספר (**גאון ישראל**) פון זיינע הנהגות, איך האב עס פונקט היינט געזעהן, וועל איך עס איבערזאגען. שרייבט ער, אז מסכת קידושין האט ער זייער גוט געקענט. און מען האט אים אמאל געפרעגט, פארוואס אין קידושין גייט עס אים אזוי שנעל ווען ער חזר'ט עס איבער. האט ער געזאגט, אז ווען ער איז געווען א יונג בחור, און ער איז געווען אין ישיבה, האט זיין מגיד שיעור געזאגט פאר בין הזמנים,

אז יעדע בחור דארף זיך נעמען א קבלה, פאר ער גייט ארויס פון ישיבה, וואס ער גייט אנקומען דעם בין הזמנים. האט ער געזאגט, איך האב געגומען אויף מיר דעמאלטס, אז איך גיי מסיים זיין גאנץ מסכת קידושין אין די פיר וואכען, און איך האב עס מקיים געווען, און זייט דעמאלטס קען איך מסכת קידושין זייער גרינג, עס גייט מיר שנעל דאס לערנען.

**מען** דארף עפעס מקבל זיין, נישט שפעטער זוכן א חברותא, וואס וועל איך לערנען, און ווען וועל איך לערנען. די צוויי טעג וואס מען איז נאך אין ישיבה, דארף יעדער פאר זיך מאכען א שטיקל חשבון הנפש. עס איז דא פיר וואכען, דרייסיג טאג, ביז מען וועט צוריקקומען אין ישיבה. וואס גיי איך אדורכטון אין די דרייסיג טעג. איך וועל נישט מציע זיין אז מען זאל אדורכלערנען גאנץ מסכת קידושין, אבער יעדער איינער לפי ערכו. צו עס איז א האלבע מסכתא, אדער א פערטל מסכתא, וואס מען האט געלערנט. אנדערע הלכות, עס איז נישט קיין נפקא מינה. יעדער לפי ערכו דארף ביי זיך מחליט זיין, און אוועקגיין מיט עפעס א קבלה, זיך מאכען א חברותא, פארמיטאג אדער נאכמיטאג, ווען ער זאל לערנען.

**מען** האט גערעדט אסאך מאל אז ווען עס קומט א יום טוב, דארף מען קענען די הלכות פונעם יום טוב. עברי מיט טייטש, אפילו נאר **קיצור שלחן ערוך**. עס וואלט געווען כדאי, אז מען זאל אדוכלערנען אין די דרייסיג טאג, קיצור שלחן ערוך, אויף הלכות פסח. יעדן טאג נעמען אפאר מינוט, און אדורכלערנען אפאר סעיפים, ער זאל וויסן וואס איז בדיקת חמץ, און וואס זענען די הלכות פונעם סדר. א יוד האט מיר געזאגט די פאריגע וואך, אז ער איז א תלמיד פון **רבי שמואל וואזנער זצ"ל**, און רבי שמואל וואזנער פלעגט צו בעטן פון די בחורים א גאנץ יאר, אז זיי זאלן לערנען קיצור שלחן ערוך. האט ער איינמאל געזאגט, אז ניינציג פראצענט פון זיינע שאלות וואס מען פרעגט אים, ווייסט מען צו פסק'נען פונעם קיצור שלחן ערוך. ניינציג פראצענט שאלות וואס מענטשען האבן, ווען זיי וואלטן געקענט קיצור שלחן ערוך, וואלטן זיי נישט געהאט די שאלות, זיי וואלטן זיך געקענט אליין פסק'נען. צען פראצענט איז דא וואס עס איז נישט מבואר. על כל פנים, עס איז מיר געפעלן דער געדאנק, אז מען זאל וויסן די חשיבות דערפון, אז מען קען קענען ניינציג פראצענט הלכות פסח. מען וועט נישט קענען הונדערט פראצענט, אבער קענען ניינציג פראצענט הלכות פסח, שטייט מען אויך גאנץ גוט. אויסנוצן די צייט, עס איז נישט קיין סאך, אז מען לערנט יעדן טאג אפאר סעיפים, האט מען געענדיגט הלכות פסח אינעם קיצור שלחן ערוך. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, ונאכל שם מן הזבחים ומן הפסחים, מיר זאלן קענען אקעגן גיין משיח, און עסן דעם קרבן פסח צוזאמען גאנץ כלל ישראל אינאיינעם.

*

***יום רביעי פרשת תזריע***

בשעות הערב השתתף **רבינו שליט"א** אצל הקבלת פנים של החתן **צבי** נ"ו בן הר"ר **אלעזר מענצער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **ישראל רוטנער** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** למאנסי והשתתף אצל הדינער לטובת הבית חינוך לבנות '**בנות חנה**' דקהלתנו הק' במאנסי, שהתקיימה באולם קראו"ן בולרו"ם, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל באגריסן דעם חשובן ציבור, וואס זענען זיך צוזאמגעקומען פאר די החזקה פונעם מיידל שולע אין מאנסי. מען האט פריער געהערט די חשיבות פון מחזיק זיין, נישט נאר א תלמוד תורה, נאר עס איז דא א גרעסערע חשיבות אין אויפשטעלן א מיידל שולע פון מאמעס, וואס זיי דארפן זיין די מחנכות פונעם קומענדיגן דור, אויפשטעלן בתים נאמנים בישראל. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר יעדן איינעם וואס האט א חלק דערין, עס איז א חלק נישט נאר אין ערציען די קינדער, נאר דורי דורות וואס וועלן שפעטער אויסוואקסן די יודישע מאמעס, וואס וועלן אויספארעמען דעם כלל ישראל.

**מען** שטייט נאנט צו די טעג פון פסח. מיר ווייסן אז דער מנהג איז, אז ערב פסח פאסטן די בכורים תענית בכורים. און כדי מען זאל נישט דארפן פאסטן, מאכט מען א סיום, עס ווערט א סעודת מצוה, און מען איז זיך מקיל אינעם תענית. און עס איז נישט מבואר קלאר, וואס איז דער תענית בכורים, וואס איז דער רמז וואס מען מאכט אויף די בכורים וואס זענען געווען אין מצרים, וה' הכה כל בכור (שמות יב-כט).

וואס איז דער ענין פונעם תענית, און וואס איז דער ענין פון דעם סיום וואס מען מאכט.

**עס** איז מיר אויסגעקומען היינט צו זעהן פון **רבי שלמה זלמן אויערבאך זצ"ל** זייער א שיינעם הסבר און א טעם דערויף. איך וויל עס נאר מקדים זיין קודם, מיט א מעשה וואס מען פארציילט אויפן **חפץ חיים**. איך מיין אז די מעשה איז געווען מיט **רבי שמעון שוואב זצ"ל**, אלס בחור איז ער געווען ביים חפץ חיים, צו ער האט געלערנט דארט. און ביי איינע פון די שמועסן, פרעגט אים דער חפץ חיים, דו ביסט א כהן? זאגט ער ניין. פרעגט ער אים, פארוואס ביסטו נישט קיין כהן. זאגט ער אים, ווייל מיין טאטע איז נישט געווען א כהן. פרעגט ער אים, פארוואס איז דיין טאטע נישט געווען קיין כהן. זאגט ער אים, ווייל דער זיידע איז נישט געווען קיין כהן. פארוואס איז דער זיידע נישט געווען קיין כהן. האט ער געזעהן אז עס איז אלו דברים שאין להם שיעור, ער וועט צוריק גיין נאך עטליכע דורות, אלץ מיט דעם זעלבן תירוץ, איז ער געבליבן שטיל.

**זאגט** אים דער חפץ חיים, איך וועל דיר זאגן פארוואס דו ביסט נישט קיין כהן, און דיין טאטע איז נישט קיין כהן. ווען יודען האבן געמאכט דעם עגל, און משה רבינו איז אראפגעקומען, און ער האט געזען דעם מצב ביי יודען, און מען דארף זיך אננעמען פאר כבוד שמים, האט ער אויסגערופן מי לה' אלי (שמות לב-כו), ווער עס איז גרייט זיך אנצונעמען פארן אייבערשטער, זאל קומען צו מיר. ויאספו אליו כל בני לוי, אלע בני לוי זענען זיך צוזאמגעקומען. זיי האבן נישט געהאט קיין חלק אינעם עגל, זיי האבן זיך צוגעשטעלט צו משה רבינו, און אויסגעפירט וואס משה רבינו האט געהייסן. נישט קוקן אויף קיין משפחה, נאר הרגו איש את אחיו. ואת אחיו לא הכיר, ואת בניו לא ידע (דברים לג-ט), נישט געקוקט אויף קינדער, אויף משפחה. זיי האבן גע'הרג'ט, ווער עס האט געהאט א שייכות.

**די** בכורים זענען געווען די כהנים, זיי האבן געטון די עבודה בעפאר עס איז אויפגעשטאנען די כהנים. און דעמאלטס האט דער אייבערשטער באצאלט פאר די לוים, ער האט אוועקגענומען פון די בכורים, אז זיי גייען מער נישט טון די עבודה, און ער האט איבערגעגעבן די עבודה פאר שבט לוי. שבט לוי איז צוטיילט געווארן, די כהנים און די לוים, צו טון די עבודה אין בית המקדש. זאגט דער הייליגער חפץ חיים, איך בין א כהן, ווייל מיין זיידע, בשעת מען האט אויסגערופן מי לה' אלי, איז ער געשטאנען דארט ביי משה רבינו, און ער האט זיך צוגעשטעלט, איך בין דא, איך גיי מיך אננעמען פארן אייבערשטען. דיין זיידע האט זיך נישט צוגעשטעלט ווען מען האט געזאגט מי לה' אלי. וועגן דעם בין איך א כהן, און דו ביסט נישט קיין כהן.

**און** ער האט אים צוגעגעבן, פארוואס דערצייל איך דיר דאס. איך וויל דיר זאגן, אז דו זאלסט שטענדיג געדענקען, אז ווען מען דארף האבן הילף, און מען רופט אויס מי לה' אלי, זאלסטו זיך נישט פירן אזוי ווי דיין זיידע האט זיך געפירט, נאר ווי מיין זיידע האט זיך געפירט. ווייל ווער עס נעמט זיך אן פאר כבוד שמים, ווען מען דארף האבן הילף איז ער דארטן זיך אנצונעמען פארן אייבערשטען, באצאלט אים דער באשעפער. גאנץ כהונה שפעטער איז אויסגעשטאנען פון די וואס האבן זיך אנגערופן דעמאלטס מי לה' אלי. עד כאן וואס מען פארציילט פונעם חפץ חיים.

**די** בכורים האבן געטון די עבודה, ביז מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן. ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, איז די עבודה אריבערגעגאנגן פאר אהרן מיט די קינדער. ויהי ביום השמיני קרא משה לאהרן ולבניו ולזקני ישראל (ויקרא ט-א), ער האט זיי מצווה געווען אויף די עבודה. עס איז געווען ראש חודש ניסן, ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן. צוויי וואכן שפעטער האט מען געדארפט מקריב זיין דעם קרבן פסח, עס איז געווען דער צווייטן קרבן פסח וואס מען האט געמאכט. מען האט געמאכט א קרבן פסח בשעת מען איז געווען אין מצרים. ווער האט דעמאלטס געשחט'ן דעם קרבן פסח, אלע בכורים. עס זענען געווען טויזנטער יודען, ששים רבוא יודען וואס האבן געדארפט ברענגן א קרבן פסח, און די בכורים זענען געווען די וואס האבן געטון די עבודה, צו שחט'ן דעם קרבן פסח. יעצט ווען מען האט אויפגעשטעלט דעם משכן, און מען דארף נאכאמאל מאכען דעם קרבן פסח, האט מען געזאגט פאר די אלע בכורים, גייטס אין די זייט, עטץ קענסט מער נישט טון די עבודה. ווען מען האט געזאגט מי לה'

אלי, האט עטץ זיך נישט אנגענומען. אהרן מיט די קינדער, זיי גייען טון די עבודה. עס איז געווען א געוואלדיגער ווייטאג פאר די בכורים ערב פסח. יעדער גייט ברענגען קרבנות, און זיי פלעגן צו טון די עבודה פארן אייבערשטען, און מען האט זיי געלייגט אין די זייט, און זיי קענען נישט טון די עבודה ווייטער. די ערשטע מאל וואס יעדער בכור האט געשפירט אין זיין בלוט, אז מען האט אים צוגענומען א שטיק עבודת ה', ווייל ער האט זיך דעמאלטס נישט צוגעשטעלט צו משה רבינו. האט דאס זיי ווי געטון, עס איז געווען א געוואלדיגער צער. - אין **משך חכמה** (במדבר ט-ב) איז דא א גאנצער שמועס, צו פארשטיין, אז עס איז נישט געווען מער ווי אהרן מיט די צוויי קינדער. אהרן האט געהאט פיר קינדער, נדב ואביהוא זענען תיכף נסתלק געווארן, און עס איז נישט געבליבן מער ווי אהרן און צוויי קינדער. דריי מעננטשן האבן גע'שחט'ן דעם קרבן פסח פאר ששים רבוא יודען, אין איין נאכמיטאג. ווי אזוי עס איז געווען אפילו מעגליך אין מציאות אז דריי מענטשן זאלן קענען אדורכפירן די גאנצע עבודה. - און די בכורים זענען געשטאנען דארט אין די זייט, עטץ קענסט נישט טון די עבודה, עס איז געווען א געוואלדיגער צער. זאגט רבי שלמה זלמן, מען האט געוואלט מאכן א זכר אויף דעם צער וואס די בכורים האבן געהאט דעמאלטס ערב פסח, האט מען קובע געווען א תענית, תענית בכורים. דערמאנען דעם צער וואס די בכורים האבן געהאט דעמאלטס, אז זיי האבן זיך נישט צוגעשטעלט צו משה רבינו, און מען האט זיי צוגענעמען דעמאלטס די עבודה פונעם משכן.

**פארשטייען** מיר שוין איין זאך, וואס דער טעם פון תענית בכורות איז. אבער מען מאכט א סיום אויך, מען טרייסט די בכורים, קענסט טאקע נישט טון די עבודה אין בית המקדש, אבער עס איז דא א זאך וואס איז חשובער פון צו טון די עבודה אין בית המקדש. דער מדרש (במדב"ר ו-א) זאגט, יקרה היא מפנינים (משלי ג-טו), די תורה איז יקרה מער פונעם כהן וואס גייט אריין לפני ולפנים. אפילו מען האט נישט די מעגליכקייט צו טון די עבודה, אבער האבן א חלק אין תורה, דאס האט מען יא. די משנה (אבות ו-ו) זאגט דאך, אז תורה איז גרעסער פון כהונה. עס איז דא מ"ח דברים שהתורה נקנית בהם, תורה איז חשובער פון כהונה. ווען מען איז זיך מצער תענית בכורים, אז מען האט צוגענומען פון אונז די עבודה פון די בכורים, מאכט מען א סיום, וואס דאס ווייזט די חשיבות פון תורה, וואס דאס איז יקרה היא מפנינים, עס איז חשוב'ער פון די עבודה.

**די** נקודת הדברים איז. יעדער יוד קען האבן א חלק אין עבודת ה'! דער וואס שטעלט זיך צו, ווען דער אייבערשטער זאגט מי לה' אלי. ווען מען דארף האבן הילף צו בויען תורה, צו בויען תלמוד תורה'ס, מיידל שולעס, ישיבות, מחנך זיין דעם קומענדיגן דור, אז זיי זאלן קענען אויפשטעלן ערליכע יודישע שטובער. וואס מען ווייסט, אז דאס איז נישט פון די גרינגסטע זאכן, אין דעם דור וואס מיר לעבן היינט, וואס די גאס איז אזוי אפן, די גאס איז אזוי פארפרעמדעט פון דעם דרך התורה. מען זאל קענען האלטן היינט קינדער איינגעצוימט, און מחנך זיין צו פירן ערליכע יודישע שטובער, קומט אן מיט א סאך יגיעה. און אשרי ווער עס האט א חלק דערין, וואס העלפט צו דערצו, אז תורה זאל קענען בליען ווייטער. די וואס שטעלן זיך צו, צו דעם מי לה' אלי, די זענען זוכה שפעטער, אז זייערע קינדער ווערן די וואס טוען די עבודה פארן אייבערשטען. כהונה און לויה איז געבליבן פאר די וואס האבן זיך צוגעשטעלט דעמאלטס.

**נישט** יעדער איינער איז זוכה צו קענען אליין עוסק זיין בתורה, עס איז א מתנה וואס דער אייבערשטער גיט, וואס נישט יעדער האט דאס. אבער זיין פון די מחזיקי תורה, ארויסצוהעלפן פאר תורה, דאס האט יעדער איינער די מעגליכקייט. דער באשעפער בענטשט, מען האט פרנסה, און מען האט מער פון פרנסה, און מען קען זיין א שותף מיט די לומדי תורה, אויפצושטעלן און בויען תורה, דארף מען וויסן די חשיבות דערפון, אז דער אייבערשטער האט געגעבן דעם זכות, אז עס איז דא א זאך וואס אונז קען מיר ערזעצן די עבודה פון בית המקדש, יקרה היא מפנינים, די תורה דאס איז די העכסטע וואס איז דא, דאס איז חשוב'ער פון עבודה. און דאס איז אונזער פליכט אין די היינטיגע צייטן, וואס אונז קען מיר צוהעלפן דערצו, אז תורה זאל קענען וואקסן.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, אז תורה איז זייער חשוב, אבער מען ווייסט דאך אז תורה דארף זיין לשמה. תורה שלא לשמה האט נישט אזוי ווייט א

חשיבות. לעולם יעסוק אדם בתורה שלא לשמה, שמתוך שלא לשמה בא לשמה (פסחים נ:), אבער בעצם די חשיבות איז דאך תורה אליין, ווען עס איז לשמה. אבער די מחזיקי תורה, די וואס טוען ארויסהעלפן תורה, זיי געבן זיך אוועק ווייל זיי ווילן אז מען זאל ערציען תורה לשמה. אויף דעם איז דאך דער מחשבה פון דעם מענטש, זיי האבן דאך נישט די נסיונות פון דעם וואס זיצט און לערנט. איז ביי זיי אפילו מען גיט אוועק שלא לשמה, זיי האבן די חשיבות, דעם שכר וואס זיי באקומען, איז אזוי ווי זיי האבן געלערנט תורה לשמה.

**דוד** המלך זאגט (תהלים קיט-עב) טוב לי תורת פיך, מאלפי זהב וכסף. תורה וואס דאס איז תורת פיך, איז מיר בעסער פון אלפי זהב וכסף. בעסער? עס איז אפילו נישט קיין צושטעל איינעם צום אנדערן! ווען מען זאגט אז איינס איז בעסער פונעם צווייטן, רעדט מען פון צוויי גוטע זאכן, מען זאגט נאר אז דאס איז בעסער פונעם אנדערע. אבער צוזאמשטעלן תורה, מיט געלט וואס איז פארגענגליך, דאס איז נישט קיין צושטעל איינעם צום אנדערן.

**דער** פסוק זאגט, עס איז דא צוויי ערליי תורות. עס איז דא תורה וואס א יוד זיצט אין בית המדרש אין ער לערנט, אויך חשוב, זייער חשוב. אבער נישט אייביג לערנט מען תורה לשמה, עס איז דא א תורה וואס א מענטש קויפט מיט געלט, מיט אלפי זהב וכסף קויפט ער תורה. דער באשעפער האט אים געבענטשט, און ער האט, ער קען געבן, ער קען מחזיק זיין תורה. און ער גיט אוועק פון זיין געלט אויף מחזיק זיין תורה. דאס געלט וואס ער גיט אוועק פאר החזקת תורה, איז חשוב'ער אסאך מאל ווי די תורה וואס דער מענטש לערנט. ביי לערנען דארף דאך די תורה זיין אויסגעהאלטען, תורה לשמה, אבער דער וואס איז מחזיק תורה, דער האט אייביג דעם זכות פון תורה לשמה. טוב לי תורת פיך, עס איז גוט דער תורת פיך, וואס קומט מאלפי זהב וכסף, וואס קומט פון די אלפי זהב וכסף וואס מען קען זיך איינקויפן תורה, דאס האט א געוואלדיגע חשיבות. - איך וויל פשוט געבן דעם חיזוק פאר א ציבור וואס קומט זיך צוזאם, וואס זענען גרייט אוועקצוגעבן כדי צו בויען תורה. זאל דער אייבערשטער זיי באצאלן, זיי זאלן זעהן שמחות און נחת ביי די קינדער.

**איך** דארף נישט רימען די מיידל שולע. ווען מען רעדט אין די פרעמד וכדומה, צו פרעמדע מענטשן, קען מען זיי זאגן וואס מען וויל. אבער אז מען רעדט צו עלטערן וואס זייערע קינדער זענען דארט, דארף מען נישט רימען. און וואס מען זאגט, ווייסן זיי דאך אליין אסאך מער ווי דער וואס שטעלט זיך אויף רעדן, ווייל זיי לעבן דאך מיט, וואס ברוך ה' עס ווערט געפירט מיט אזא איבערגעגעבנקייט, אריינצולייגן ערליכקייט אין די יודישע קינדער, אז זיי זאלן קענען שפעטער אויסוואקסן ערליכע יודישע מאמעס. איך וויל עקסטער באגריסן ר' שמואל בנימין (פאללאק) זאל זיין געזונט, וואס לייגט אריין אזויפיל צייט און אזויפיל כח, אז דער מוסד זאל קענען וואקסן. און די אלע וואס שטייען אים צו הילף, וכל העוסקים בצרכי ציבור באמונה, הקב"ה ישלם שכרם, ווי יעדער בענטשט יעדן וואך שבת. און פאר אונז אלע זאל דער אייבערשטער געבן, אונז זאל מיר זוכה זיין, אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקינו, במהרה בימינו אמן.

*

***<u>יום חמישי פרשת תזריע</u>***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **מנחם** נ"ו בן הר"ר **יוסף גרינבוים** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעור השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודה.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **נתן שטיינער** הי"ו (חתן הר"ר **הערשל שפיטץ** הי"ו), עב"ג בת הר"ר **ישראל מארקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***<u>שבת קודש פרשת תזריע</u>***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה. וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל אוהב ישראל מאפטא זי"ע** (לרגל היומא דהילולא ביום ה' ניסן). בברכת המזון נתכבד הר"ר **עמרם הירש** הי"ו.

# פרשת מצורע ב׳ - ח׳ ניסן תשפ״ב לפ״ק

***יום ראשון פרשת מצורע***

בשעות הצהרים נכנסו תלמידי ישיבתנו הק׳, ישיבה ׳**אוצר התורה**׳ במאנסי, להיבחן אצל **רבינו שליט״א** על פרק ראשון ממסכת קידושין, ומסכת ראש השנה, שלמדו במשך זמן החורף העעל״ט. אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** דברי הדרכה לתלמידי הישיבה.

***וזה תוכן הדברים:***

**איך** זעה אז מען האט זייער פלייסיג געלערנט דעם זמן. אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו (פסחים נ.), דער עיקר חשיבות פון לערנען, איז חזר׳ן אסאך, און קענען, און געדענקען וואס מען האט געלערנט. מען זאגט נאך פון איינע פון די צדיקים, אז ער האט געזאגט, אז די עיקר איז חזר׳ן. מען דארף נאר לערנען, כדי מען זאל האבן וואס צו חזר׳ן. אסאך מאל מיינט מען, אז מען איז יוצא מיט איינס צוויי מאל וואס מען האט עס איבערגעלערנט, און מען געדענקט שוין. גירסא דינקותא, דאס וואס מען לערנט אין די יוגענט, דאס בלייבט אויף שפעטער. עס איז זייער גרינג צו חזר׳ן, ווען מען קען עס. מען האט עס יעצט געלערנט, עס איז פריש אין זכרון. אין משך פונעם בין הזמנים, אין די פרייע צייט וואס מען האט, איבערגיין וואס מען האט געלערנט. מען קען אפילו ליגען אין בעט, און איבערגיין די בלעטער גמרא אויסענווייניג, אז מען קען עס. אמאל זענען געווען גדולי ישראל, וואס האבן געקענט גאנץ ש״ס אזוי. **רבי חיים קניבסקי זצ״ל** וואס איז יעצט אוועק, האט נישט געדארפט האבן א גמרא צו חזר׳ן, ער האט געקענט חזר׳ן בלעטער אויף אויסענווייניג איינס נאכן אנדערן.

**עס** קומט א חודש יעצט, וואס עס איז נישט דא קיין ישיבה, און דער חודש קען זיין א זמן פון א עליה פאר א בחור, און יעדער פארשטייט אז די צווייטע העלפט איז אסאך גרינגער, צו האבן א ירידה אין משך פונעם בין הזמנים. און די עצה דערויף איז, ווען מען גייט אהיים פון די ישיבה, דארף מען האבן א קבלה, וואס איז מיין פלאן פאר דעם בין הזמנים. יעדער דארף מאכן פאר זיך א סדר, וואס איז מיין פלאן אויפן קומענדיגען בין הזמנים. איך האב פיר וואכן, ווער זענען מיינע חברותות, און וואס גיי איך לערנען, וואס נעם איך זיך אונטער אז איך וועל קענען ביז דעמאלטס. און דעמאלטס ווייסט מען אז מען נוצט אויס דעם בין הזמנים ווי עס דארף צו זיין.

**עס** איז נישט גורע פון מצות כיבוד אב ואם. עס איז יעצט פאר יום טוב. יעדע מאמע דארף האבן הילף אין שטוב, און מען דארף פאלגען תיכף, נישט איך ׳וועל׳ טון, ׳מארגען׳, ׳שפעטער׳. שהויי מצוה לא משהינן (יבמות לט.), אז די מאמע האט עפעס געזאגט, דארף מען זעהן תיכף צו טון וואס מען האט געבעטן.

**די** גמרא (יומא פו.) זאגט, ואהבת את ה׳ אלקיך (דברים ו-ה), אז א יוד דארף זיך אויפפירן, שיהא שם שמים מתאהב על ידך, אז דעם אייבערשטענ׳ס נאמען זאל געליבט ווערן דורך די הנהגה ווי אזוי מען פירט זיך אויף. געוועגליך בחורים זענען בני תורה, א גאנץ יאר זיצט מען אין ישיבה, און מען זעהט נישט קיין סאך ווי אזוי א בחור פירט זיך. מען איז כמעט נישט אין א בית המדרש, נאר שבת. יעצט איז דא פיר וואכען, און מען קוקט נאך יעדן בחור ווי אזוי ער פירט זיך אויף. ווען האט ער געדאווענט, ווען גייט ער מיט זיין תפלין בייטל אויף די גאס. צו עס איז שפעט, צו עס איז פרי. צו ער זיצט אין בית המדרש, צו ער לערנט. ווי אזוי זיין באנעמונג איז איינער צום צווייטען. זאגט די גמרא, אז עס קען אמאל זיין וואס א מענטש פירט זיך נישט אויף ארענטליך ווען ער איז צווישן מענטשען, אז ער איז א מחלל שם שמים. און ווען עס איז פארקערט, ברענגט ער אהבת ה׳. מען זאגט אשרי אביו וואס האט אים מגדל געווען. אשרי רבו שלמדו תורה, א מענטש איז מחוייב צו טון בין הזמנים, מער ווי א גאנץ יאר. ווייל דעמאלטס איז ער א מוסטער פאר אנדערע, ווי אזוי א בן תורה פירט זיך אויף. ווען מען קומט צווישן מענטשען דארף מען וויסן אז מען דארף זיך פירן ארענטליך. און רעדן איינער צום אנדערן ווי עס דארף צו זיין, און דאס איז א חלק פון די הנהגה וואס יעדע רגע קען ער זיין א חלק פון ואהבת את ה׳ אלקיך, וואס ער טוט באליבן דעם אייבערשטענ׳ס נאמען.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מען זאל וואקסען און שטייגען אין תורה ווייטער אויך. נעמען אויף זיך א עול צו קענען די גאנצע מסכתא. אז מען קען די ערשטע העלפט, וויל מען קענען די צווייטע העלפט

אויך. אז מען קען נישט די ערשטע העלפט, פעלט אסאך מאל דער שטופ אז ער זאל וועלן קענען די צווייטע העלפט. ב"ה מען האט געלערנט און מען קען עס, מען דארף עס איבער'חזר'ן, און נעמען אויף זיך עול תורה. דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, אז מען זאל האבן א פריילינען און לוסטיגען יום טוב, מען זאל קענען שטייגען אין תורה און יראת שמים, און דינען דעם אייבערשטען מתוך שמחה וטוב לבב.

**מען** האט דא ביי אונז אין די קהלה געמאכט א סדר, מען זאל ענדיגען **קיצור שלחן ערוך** אין משך פונעם יאר. עס וועט זיין א געוויסע סדר וואס מען וועט לערנען יעדן טאג די פאר סעיפים וואס מען דארף לערנען. כדי מען זאל קענען וויסן אלע הלכות וואס א בחור דארף צו קענען, דארף מען עס קענען אדורכלערנען אין א יאר. עס האט מיר פארציילט א תלמיד פון **רבי שמואל וואזנער זצ"ל**, אז ער האט אמאל געזאגט אין די ישיבה, אז ניינציג פראצענט פון זיינע שאלות וואס מען פרעגט אים, קען מען פסק'נען פונעם קיצור שלחן ערוך. עס וועט זיין צעטלעך אויף יעדע וואך, צו אויף יעדן חודש. פאר פסח וועט מען אדורכלערנען הלכות פסח, און פאר ראש השנה אדורכלערנען הלכות ראש השנה, און אזוי ווייטער מיט א געוויסן סדר. איך געב עס איבער, אז ווער עס וויל, קען עס נעמען פאר א זייטיגען שיעור אויך. עס נעמט נישט מער פון א פאר מינוט א טאג, און מען קען אדורכלערנען אלע הלכות וואס איז נוגע פאר א מענטש צו קענען אין משך פונעם יאר. - דער אייבערשטער זאל העלפן אי"ה, אז מען זאל האבן א פריילינען לוסטיגען יום טוב.

*

אחר מנחה הגיע **רבינו שליט"א** לכתיבת האותיות בבית הר"ר **פנחס אלי' ראזנער** הי"ו. **רבינו שליט"א** כתב אות, והסיב למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לכל המשפחה.

אחר כך הגיע **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת צין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אמם ע"ה (אשת **הרב שמואל אהרן צין שליט"א**).

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לסידור קידושין אצל החופה של בן הר"ר **ישראל חיים שפארן** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים אלי' טייטלבוים** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל מסיבת הכרת הטוב לכבוד מלמדי התלמוד תורה בבארא פארק, שהתקיים באולם שע"י התלמוד תורה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט פריער געהערט פון רבי פנחס (ראטה), ווי אזוי ער האט אזוי שיין ארויסגעברענגט, די געוואלדיגע ארבעט וואס די מלמדים לייגען אריין אין די קינדער, בכמות ובאיכות. איך וועל אויך צו געבן א ווארט דערצו. עס שטייט אין די גמרא (בבא בתרא ח.) אויף די מלמדי תינוקות, ומצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד (דניאל יב-ג). זיי זענען די מצדיקי הרבים, און לעתיד וועלן זיי שיינען אזוי ווי די שטערנס. שטערנס זענען טאקע שיין, און עס האט א שיינע קאליר, אבער עס איז דא זאכען וואס שיינען מער פון שטערנס. די זון און די לבנה האבן א גרעסערען אור פון די שטערנס. און מען זאגט, אז די מצדיקי הרבים וועלן זיין אזוי ווי די כוכבים.

**איך** האב געזעהן שטיין, די חילוק צווישן די זון און די לבנה, און די שטערנס איז, די זון און די לבנה האט יעדער איינער זיין צייט ווען ער קומט ארויס און באלייכט. די זון גייט אונטער, און נאכדעם שטייט די לבנה אקעגן די זון, און עס איז מקבל אורה. די כוכבים טוישן זיך נישט, כוכבים בלייבן שטענדיג אויפן זעלבן פלאץ אויבן אין הימל. עס איז נאר דא צייטן וואס מען באמערקט זיי, און עס איז דא צייטן וואס מען באמערקט זיי נישט. ווען עס איז ליכטיג אינדרויסן, שרגא בטהרא מאי מהני (חולין ס:), זעהט מען נישט די ליכטיגקייט פון דעם שטערן. ווי מער עס הייבט אן צו ווערן טונקלער און טונקלער, זעהט מען נאך א שטערן און נאך א שטערן, צוויי שטערנס, דריי שטערנס, ביז מען זעהט אז די הימל איז פול מיט כוכבים. כוכבים שיינען נישט שטענדיג, מען זעהט נישט די אור שטענדיג.

**א** מלמד וואס לערנט תורה מיט קינדער, איז דאך דער פאסטען וואס מען האט, די חשוב'סטע זאך וואס איז דא אויף די וועלט. מען רעדט נישט פון געלט, מען רעדט נישט יעצט פון גשמיות, מען רעדט פון דעם געוואלדיגען זכות וואס מען האט, צו

האבן א כתה פון פינף און צוואנציג קינדער, און אויפשטעלן פינף און צוואנציג טאטעס, תלמידי חכמים, שטובער פון תורה. און אזוי ווייטער, יאר נאך יאר, שטעלט מען אויף נאך א כתה, און נאך א כתה. עס איז איינע פון די גרעסטע מצדיקי הרבים צו וואס א יונגערמאן קען צוקומען אין זיין ארבעט. און ער דארף עס באטראכטען ווי עס איז א עבודת הקודש, ער טוט אזא ארבעט וואס דער באשעפער האט ווייניג דערפון אויף די וועלט, וואס זענען אזעלכע מצדיקי הרבים, ווי די וואס געבן זיך אפ מיט די קינדער.

**אמאל** איז דא וואס זאכען גייען אלעס גלאטיג, עס איז נישט דא קיין שוועריקייטן. עס קען אדורכגיין א יאר, און מען שפירט נישט, אז מען האט אסאך אויפגעטון וכדומה, קען מען דען שאצן וואס מען האט אריינגעלייגט אין יעדן קינד? עס דערקענט זיך נישט. עס קומט אבער אמאל א צייט, וואס דאס קינד וואקסט אויף, און עס גייען אדורך נאכדעם אויף אים שווערע צייטן וכדומה, און דעמאלטס הייבט אן ארויסצושיינען די יוגענט וואס מען האט געהאט, וואס מען האט מקבל געווען אין די יונגע יארן, ווי אזוי מען איז געשטיגען אין תורה און עבודת ה', וואס מען האט קונה געווען אין זיך מדות טובות, קונה געווען אין זיך בטחון און אמונה, און אלעס וואס עס פעלט אויס פאר א יוד. עס דערקענט זיך נישט תיכף זיין ארבעט, ווילאנג מען איז קליין דערקענט זיך עס נישט, מען איז נאך קליינע קינדער. וואס זעהט מען פונעם קינד ווען ער גייט ארויס? ער קען די בלאט גמרא. אבער וואס די תלמוד תורה האט אויפגעטון, און דער רבי פאר דעם קינד, איז נישט ניכר שטענדיג. שפעטער ווען מען ווערט עלטער, און מען גייט ארויס אויף א וועלט אזוי ווי היינט, א טונקעלע און א פונסטערע וועלט, און מען לייכט. דאס איז די בחינה פון כוכבים. דעמאלטס דערקענט זיך וואס די מצדיקי הרבים האבן אריינגעלייגט אין די קינדער.

**ומצדיקי** הרבים, די וואס זענען מצדיקי הרבים, די וואס טוען אויפשטעלן די צדיקים פונעם דור, די וואס טוען אויפשטעלן די ערליכע יודען וואס וועלן זיין שפעטער, ככוכבים לעולם ועד, זיי זענען אזוי ווי די כוכבים. אמאל דאכט זיך, אז מען זעהט נישט קיין פירות אין וואס מען האט געטון, עס נעמט אוועק אסאך מאל די מוהט, איך האב זיך שוין געפלאגט מיט דעם קינד נאך אביסל און נאך אביסל, און עס גייט נישט. אבער וואס מען לייגט אריין דאס בלייבט, עס איז ככוכבים, עס איז אזוי ווי די שטערנס. ווען עס איז פינסטער, דעמאלטס הייבט אן ארויסצושיינען דאס וואס מען האט אריינגעלייגט אין זיי. עס איז א געוואלדיגער זכות פאר די וואס זענען מצדיקי הרבים.

**און** אזוי ווי מען האט פריער גערעדט, אז עס איז נישט דא קיין יששכר אן א זבולון. עס דארף זיין די הנהלה גשמי, וואס די הנהלה גשמי העלפט, צוצוברענגען דערצו, אז די קינדער זאלן קענען האבן א הרחבת הדעת צום לערנען. און די מלמדים זאלן האבן די הרחבת הדעת, צו קענען איבערגעבן תורה. אין יעדן מקום האט דער אייבערשטער צוגעשטעלט זיין זבולון, וואס זיי זענען די וואס טוען ארויסהעלפן אויף דעם מקום. ביי אונז וויל איך באגריסן אונזער חשוב'ער זבולון, רבי מענדל (שטיינער) זאל זיין געזונט. וואס ביי יעדע זאך, וואס עס איז נאר נוגע ביי אונז אין די קהלה, איז ער דער ראש וראשון לכל דבר שבקדושה. נישט מען דארף בעטן פון אים, נאר ער קומט אייביג אויף מיט פרישע פלענער, וואס מען קען טון אז מען זאל קענען ארויסהעלפן. און ער נעמט א חלק אין יעדע דבר שבקדושה וואס איז דא ביי אונז אין די קהלה. ער איז פערזענליך א גוטער פריינט פאר מיר אויך, און אסאך מאל קומט אויס וואס ער טראגט זיך אן זאכען, נישט ווייל מען האט געבעטן, נאר פון זיך אליין קומט ער, און ער שטעלט זיך צו. איז אוודאי דער זכות זייער גרויס, צו זיין א חלק פון די מצדיקי הרבים ככוכבים לעולם ועד, אז די קינדער זאלן קענען אויסוואקסען, און די רבי'ס זאלן זיין פאר די תלמידים אזוי ווי די כוכבים, אז אין פינסטערע צייטן זאלן זיי קענען לייכטען. מען רעדט פון אזא דור ווי היינט, וואס מען דארף נישט פארשטעלן די פינסטערקייט, ווי אזוי די גאס קוקט אויס. אז מען קען אין תשפ"ב זיצען און לערנען תורה מיט קינדער, אזוי ווי מען האט געלערנט אמאל, ביי קבלת התורה מסיני. תינוקת של בית רבן האבן זיך נישט געטוישט. עס האט די זעלבע צורה פון משה רבינו, ביז היינט. און אז מען האט א זכיה אז מען קען צושטיין דערצו און ארויסהעלפן, איז אוודאי גרויס דער זכות.

**איך** וויל אנוואונטשען סיי פאר די יששכר'ס, און סיי פאר די זבולון'ס, דער באשעפער זאל ענק געבן אז מען זאל קענען ווייטער גרינגערהייט טון די עבודת הקודש. מען זאל וויסן אליין צו שעצן דעם אייגענעם עבודת הקודש וואס מען טוט. אסאך מאל באקומט מען נישט די ריכטיגע אפרישיעשא"ן פאר די ארבעט וואס מען טוט. אבער מען דארף וויסן אז מיר זענען עבדי ה'. וואס אונז טוה מיר, טוען מיר פארן רבונו של עולם. אונז שטעל מיר אויף זיין דור, זיין כלל ישראל ווערט אויפגעשטעלט דורך די מצדיקי הרבים. זאל זיי דער אייבערשטער געבן לאנגע געזונטע יארן, זיי זאלן קענען ווייטער אויך מרביץ תורה זיין, מתוך נחת והרחבת הדעת. און פאר די אלע וואס העלפן צו, די הנהלה גשמי, די זבולון'ס וואס העלפן צו, זיי שטייען צו הילף אז תורה זאל קענען בליען, וועט זיי דער אייבערשטער אוודאי באצאלן. דער באשעפער וועט צושיקן הצלחה און ברכה אין זייערע ענינים וואס זיי טוען, עס זאל זיין מיט נשיאת חן. און אונז זאל מיר אלע זוכה זיין אינאיינעם אקעגן צו גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

אחר כך קבע **רבינו שליט"א** מזוזה בשער התלמוד תורה, ששיפץ מחדש בהוד ותפארת, בנדבת ידידנו הרבני הנגיד הר"ר **מנחם מענדל שטיינער** הי"ו.

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הרה"ג **רבי יצחק זלמן גיפס שליט"א** דומ"ץ בית מדרשנו ברכת אברהם, עב"ג בן הרה"ג **רבי יהושע נתן פייפער שליט"א** רב דביהמ"ד ברכת מנחם, שהתקיים בבית מדרשנו ברכת אברהם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של החתן **אהרן דניאל** נ"ו בן הר"ר **שמואל צימענד** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **יהושע לייב לעווי** הי"ו, שהתקיים באולם כרם מנחם. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

כמו כן השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **אלי' בריעגער** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד קיש** הי"ו, שהתקיים באולם תפארת רבקה. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום שני פרשת מצורע***

בשעות אחר הצהרים הלך **רבינו שליט"א** לאפיית מצות שעל ידי קהלתנו הק'.

*

***יום שלישי פרשת מצורע***

אחר מעריב השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בת הר"ר **יהודה אריה ווייס** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **משה דייטש** הי"ו, שהתקיים באולם כתר ריזל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של הבחור **מרדכי יהודה** נ"ו בן הר"ר **יואל ליכטנשטיין** הי"ו, שהתקיים באולם גראנדא טערעס.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן **כ"ק הגה"צ רבי אהרן טובי' שפיטץ שליט"א מסערט וויזניץ** (לעיקוואד), עב"ג בת **הרה"ג רבי אהרן אויש שליט"א אב"ד** תפארת יחיאל וואלקאן, שהתקיים באולם עטרת חי'.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יואל קאהאן** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **דוד שמחה סימקאוויטש** הי"ו, שהתקיים באולם קאנטינענטאל. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת מצורע***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **מרדכי יהודא** נ"ו בן הר"ר **יואל ליכטענשטיין** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות אחר הצהרים הגיע **רבינו שליט"א** לאפיית מצות לחג המצות, בבית האופה ד'סאטמאר (בראדוועי). **רבינו שליט"א** נתן המים להקמח לשם מצות מצוה, והשגיח בכל תהליך האפיה שיהא משומר כדת וכדין.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל השבע ברכות של בת הר"ר **אהרן** (ברא"ח) **קליין** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **שלמה זלמן גוטמאן** הי"ו, שהתקיים באולם בלאזוב. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך השתתף **רבינו שליט"א** אצל החתונה של בן הר"ר **חיים פישער** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים אברהם װאלדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת מצורע***

בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **אברהם יהודא שווארץ** הי"ו. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים לכבוד השמחה, שהתקיים בשילוב עם סיום מסכת עבודה זרה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** האט מסיים געווען מסכת עבודה זרה. עס האט א שייכות צו די ענין פון די וואך, שבת הגדול, וואס ווערט אנגערופן וועגן דעם נס הגדול וואס איז געווען דעמאלטס. עס איז געווען מקחו מבעשור, און עס איז געווען שבת, והיו שיניהם קהות, האט מען עס א נאמען געגעבן שבת הגדול (טור או"ח סימן ת"ל). איך האב געזעהן אמאל שטיין, וואס איז די קשר פון שבת, אז מען האט גענומען דעמאלטס דעם קרבן פסח. וואס איז דער שילוב פון פסח מיטן שבת צוזאמען. דער אייבערשטער האט געזאגט (שמות יב-כא) משכו וקחו לכם צאן. משכו ידיכם מעבודה זרה, וקחו לכם צאן של מצוה (מכילתא). יודען זענען געווען משוקע אין עבודה זרה אין מצרים, און מען קען נישט ארויסגיין פון מצרים, ווילאנג מען איז מיט עבודה זרה. משכו ידיכם מעבודה זרה, מען דארף קודם מתקן זיין עבודה זרה, וקחו לכם צאן של מצוה. דער טלה איז געווען זייער עבודה זרה, און מען האט עס גע'שחט'ן, והיו שיניהם קהות.

**די** גמרא (יומא פו.) זאגט, אז עס איז דא ארבעה חילוקי כפרה. תשובה איז נאכנישט מכפר אלעס. תשובה נוצט נאר אויף א עשה. אויף א לא תעשה דארף זיין יום כיפור, און אויף עבודה זרה וואס איז כריתות ומיתות בית דין, מוז זיין יסורים וכדומה, אויף חילול ה' איז דער יום המיתה מכפר, עס ווערט נישט מכופר מיט תשובה אליין. וואס איז טייטש משכו ידיכם מעבודה זרה, וקחו לכם צאן של מצוה. ווען עס איז משכו ידיכם מעבודה זרה, איז נאכנישט מכופר געווארן דער עבודה זרה.

**עס** איז באקאנט וואס עס שטייט אין **טורי זהב** אנהייב הלכות שבת (סימן רמב), אז די גמרא (שבת קיח:) זאגט, ווען איינער איז שומר שבת כהלכתו, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש, מוחלין לו על כל עונותיו. פרעגט ער, ממה נפשך, האט ער תשובה געטון, איז מען אים ממילא מוחל. האט ער נישט קיין תשובה געטון, וואס העלפט דער שבת. זאגט דער טורי זהב, אז דער שבת העלפט, אז מען מוז נישט אדורכגיין די אלע ד' חילוקי כפרה. אז ער האט תשובה געטון, און ער האלט שבת, מוז ער נישט האבן קיין יסורים, און עס דארף נישט זיין דער יום המיתה, דער שבת איז מוחל אלע עונות.

**קומט** אויס, כדי עס זאל קענען זיין משכו ידיכם מעבודה זרה, אז עס זאל מתוקן ווערן דער עבודה זרה, האט מען געדארפט האבן דעם שבת אויף דערצו. ווייל טאמער עס איז נישט דא דער שבת, איז דאך נאכנישט געענדיגט געווארן די משכו ידיכם מעבודה זרה. דער שבת הגדול, דאס האט צוגעגעבן דערצו, אז זיי זאלן קענען מקיים זיין די מצות ווי עס דארף צו זיין.

**דער** אייבערשטער האט געהאלפן, אז מען האט מסיים געווען מסכת עבודה זרה. עבודה זרה האט אין זיך אסאך חלקים. עבודה זרה מיינט נישט דוקא אז מען דינט א אפגאט. אין הייליגע ספרים שטייט, אז מען דינט דעם אייבערשטען מיט א פניה, איז עס אויך די בחינה פון עבודה זרה. ער האט א אנדערע עבודה אויך, אויסער די כוונה לשם שמים. מי יאמר זכיתי לבי, אבער אז מען זיצט און מען לערנט מסכת עבודה זרה, וואס דער לימוד איז דאך כאילו מען האט מקיים געווען די מצוה בשלימות, איז דאס די ריכטיגע הכנה צו דעם משכו ידיכם מעבודה זרה, וקחו לכם צאן של מצוה.

*

***שבת קודש פרשת מצורע***

לפני קריאת התורה למד **רבינו שליט"א** ההלכות השייכות לחג הפסח הבעל"ט. - בקריאת התורה קרא **רבינו שליט"א** השם לבת הנולדה אצל הר"ר **ישראל לעפקאוויטש** הי"ו. אחר התפלה התקיימה קידושא רבה לכבוד השמחה.

בשעות אחר הצהרים מילאו המוני אנ"ש ותושבי העיר את היכל בית מדרשנו לשמוע דרשת שבת הגדול מאת **רבינו שליט"א**.

**רבינו שליט"א** התחיל את אמריו בפרשת השבוע פרשת נגעים, אשר זה לימוד מוסר על חסד ה' ואהבתו אלינו, שמעורר את האדם מזמן לזמן על הנהגתו, על ידי נתינת נגע בביתו, ולדוגמא בשינוי לרעה בפרנסתו או בבריאותו, או בצער גידול בנים, שידוכים, שלום בית וכו'. והחכם משים אל לבו שיש לו לשנות את דרכו, ואז יסתדר הכל מאליו.

והעצה לזה הוא, 'והובא אל הכהן', לדבק עצמו בחכמי ישראל, ולשמוע מוסר ודרך הנכונה לתקן מעשיו, ולצאת מחוץ למחנה, לא להסתובב בעיר וללכת לרופא, או לשמוע מן האנשים סגולות שונות 'מה לעשות ארבעים יום ונושעתי', רק להתבודד לעצמו להתבונן במעשיו, ולעורר האהבה המסותרת לאביו שבשמים, ולחשוב בריבוי הטובות שבכל יום עמנו, ולהפוך הזדונות לזכיות בעבודתו מאהבה.

**רבינו שליט"א** השמיע דברי פלפול בסוגיא דמצה של חלות התודה (פסחים לה.), שאין יוצאין בה, ובטעם שאין עושין מצות חבילות חבילות.

אחר כך המשיך **רבינו שליט"א** בדברי אגדה והתעוררות, להתבונן בתכלית האדם בעולם, להרבות בתורה ומצותיה, וזהו משאת חיי נפשו, בהיותו מבין שהעולם הזה כפרוזדור בפני העולם הבא, לא כן מי שממונו חביב עליו מן הכל, מוותר על תורה ותפלה עבור ריוח ממון. וישנם אנשים שעושין כן יום יום, אינו מתפלל כראוי במתינות, כי נחפז הוא לממונו. אין לו שיעורי תורה כראוי כי טרוד במסחרו. וכאשר עומד למצוא זיווג לבניו, יקדים לבחור שידוך שיש בו ממון, גם כאשר עבור זה יצטרך לוותר על הקרן, ובית של תורה ועבודת ה'. ועבור דירה נאה ורחבה יעזוב עיר מלאה חכמים וסופרים, ויבחר יותר לדור בין אנשים פשוטים, לוותר על התעלותו ועל חינוך בניו שיתחברו עם שכניהם הרחוקים במעשיהם והשקפתם ממנו.

והימים שיושב האדם בלי טירדות החיים, כגון בשבתות ומועדי השנה, שפורש מטירדות מסחרו, והטלפון אינו מבלבל דעתו, ויושב שעות ארוכות בבית המדרש ובביתו, זמנים אלו מסוגלים ליקח לעצמו רגעים אחדים להתבונן על מעשיו והנהגתו, איך יוכל לשפר תכלית ימי חייו, בעבודת קונו לעצמו, וחינוך בניו ובנותיו, אשר זהו תכלית הזמני קודש שיביאו את האדם להתעלות, להכיר שיפה שעה אחת בתשובה ומעשים טובים מכל חיי העולם הבא, ומכל שכן מחיי העולם הזה.

**רבינו שליט"א** המשיך בקדושת ימי הפסח הממשמש ובא, חג האמונה, להודות לה' על הגלות ועל החירות, כי בפנימיותם כולן שוין לטובה, ובלילה כזו שהאויר מלא אורה ושמחה, יש לנצל הזמן להחדיר אמונת אלקי עולם בלב הבנים, ולעורר אותם לחשקות בעבודת קונם. וכשהוא יושב בקיטל יתבונן שזהו הבגד האחרון שבו יעזוב את עולמו, ויסתכל על בניו המסובים על שולחנו איזה בנים הוא משאיר אחריו, אשר רק המה הונו האמיתי לעולמי עד.

גם יתבונן כי הלא ביער כל משהו חמץ מביתו, כמה כלים חמוצים האסורים שמקושרים באינטערנעט נשארו מונחים בביתו. הוא רוצה לחנך כעת את בני ביתו בהחדרת אמונת אלקי עולם בסיפור יציאת מצרים, לעוררם ללכת בדרכי התורה. מהו המעסעדזש שהוא נותן לבני ביתו במשך כל השנה כאשר משתמש בכלים הללו, לקרב אותם לדרכי הגויים וטומאתם. – ובליל זה ניתן לכל אחד ההזדמנות לצאת מעומקי שערי טומאה, ולעשות שינויים לעצמו ולבני ביתו.

ובזמנים קדושים הללו, יעורר את בני הבית על צורת היהודי שהיה לישראל כל הימים במצרים, ויהי שם לגוי, מלמד שהיו ישראל מצויינים שם, שלא שינו שמם ולשונם ומלבושם (ויק"ר לב-ה). ורק דבר זה הועיל להם שנשארו לגוי אחד, ולא נטמעו בין הגויים, גם כאשר היו מוכנעים תחת ידם יותר ממאתים שנה. בעונותינו הרבים הדבר נפרץ במילואו, מדי שנה בשנה יורדת הלבוש הצנוע שהיה אצל אמותינו, החן היהודית שהיה במראה של יהודי מתדרדרת, ואין מי שיוכל לעמוד בפרץ. הערמיל הקצרות, השייטלין הארוכות, הלעי'ס שייטלין שאסרוה כל גדולי הדור, שייטלין של תקרובת עבודה

זרה. צביעת העינים והפנים כשהולכין לחוץ, שנפרצה לאחרונה באופן מבהיל, עד שיש כאלו שעוברים על איסור כתובת קעקע, להכניס הצבע מתחת העור. ולעורר הבנים והבנות הנשואות שלא ישנו בביתם שום דבר, הם ונשיהם ובנותיהם בלבושם ממה שהיה אצל אמותינו. וכמו כן לא להגרר אחר מה שנתפשט להלביש הילדים והבחורים במכנסים צרות כדרכי הגויים, שלא ראינו זאת מעולם אצל בני ישראל הכשרים. וכמו כן להזהיר על הדיבור בלשון המדוברת ביהודים, שפת היודיש, שהשפה בהבית עם הילדים לא יהא רק ביודיש ולא בענגליש. ולקבל על עצמינו ללכת בדרכיהם, שלא שינו שמם ולשונם ומלבושם.

**רבינו שליט"א** סיים בברכה שנזכה לנצל קדושת הזמן להשפיע על בני הבית אמונה טהורה שאנו שואבים מהחג הקדוש הזה. וכימי צאתנו ממצרים יראנו נפלאות, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

בסעודה שלישית נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי יואל הלברשטאם שליט"א** אב"ד טארניגראד בברכת המזון.